בס"ד

# דעם רבינ'ס ליכט

אַייעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין
וָואס דָא הָאט זִיך גִיטָאן (שיהר"ן ר"ט)

נח תשפ"ז
גליון 301

## דער ריינער קוואל

## אִין גַאס אָדֶער אִין חֵדֶר?

אִין דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה דֶערְצֵיילְט מֶען דִי פַּרְשָׁה פוּן נֹחַ. מְ'דַארְף וִויסְן אַז וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אִיז נִישְׁט חַס וְשָׁלוֹם אַ מַעֲשֶׂה וָואס אִיז גֶעוֶוען נָאר אִין יֶעדֶע וָוארְט פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה לִיגְט גְרוֹיסֶע אוּן גֶעוַואלְדִיגֶע טִיפֶע סוֹדוֹת, אוּן מֶען קֶען זִיךְ לֶערְנֶען פוּן דֶעם וִוי אַזוֹי צוּ דִינֶען גָאט בָּרוּךְ הוּא.

דָאס וָוארְט "תּוֹרָה" אִיז פוּן דִי לָשׁוֹן "הוֹרָאָה". עֶס קוּמְט צוּ לֶערְנֶען וִוי אַזוֹי זִיךְ אוֹיפְצוּפִירְן. בִּפְרַט אִין דִי פְּסוּקִים וואוּ דִי תּוֹרָה זָאגְט נִישְׁט אַרוֹיס בְּפֵירוּשׁ דִי מִצְוֹות נָאר דֶערְצֵיילְט מַעֲשִׂיּוֹת, דַארְף מֶען וִויסְן אַז דָארְט לִיגְט בַּאהַאלְטְן גָאר טִיפֶע סוֹדוֹת הַתּוֹרָה אִין יֶעדֶע אוֹת.

מִיט סִיַּעְתָּא דִשְׁמַיָּא וֶועלְן מִיר זֶען וָואס מִיר קֶענֶען אַרוֹיס לֶערְנֶען פוּן פַּרְשַׁת נֹחַ הַנְהָגוֹת וִוי אַזוֹי צוּ דִינֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, לוֹיט דִי הֵיילִיגֶע הַקְדָמוֹת וָואס מִיר הָאבְן בַּאקוּמֶען פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

עֶס אִיז דָא אַ בַּאקַאנְטֶע תּוֹרָה אִין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן וָואס רוּפְט זִיךְ קְרָא אֶת יְהוֹשֻׁעַ (סִימָן ו') דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט אַז וֶוער עֶס וִויל תְּשׁוּבָה טוּן דַארְף זִיךְ שְׁטַארְקְן אִין אַלֶע מַצָּבִים סַיי וֶוען סְ'גֵייט אִים גְרִינְג; וֶוען עֶר גֵייט אַרוֹיף מַדְרֵגוֹת, אִין דֶעם רֶבִּי'נְס שְׁפְּרַאךְ וֶוערְט דָאס אָנְגֶערוּפְן "בָּקִי בְּרָצוֹא" דָאס מֵיינְט לוֹיפְן פָארְאוֹיס, אוּן סַיי וֶוען סְ'גֵייט אִים שְׁוֶוער; עֶר גֵייט אַרָאפּ מַדְרֵגוֹת, וָואס דֶער רֶבִּי רוּפְט דָאס אָן "בָּקִי בְּשׁוֹב" וָואס דָאס מֵיינְט גֵיין אוֹיף צוּרִיק צוּוֶועגְס.

רַבִּי נָתָן אִיז זֵייעֶר שֵׁיין מַסְבִּיר וִוי אַזוֹי דִי לִמּוּדִים פוּן פַּרְשַׁת נֹחַ אִיז נוֹגֵעַ צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם פוּן אוּנְז. עֶר



נתנדב לעילוי נשמת ר' משה יוסף ז"ל בן ר' ירוחם שמחה לייב, לזכות שנזכה בקרוב להוציא לאור ספרו הק' פניני נצח, שו"ת על ליקוטי מוהר"ן

בְּרֶענְג אַרָאפּ אַ זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ און פון נָאךְ הֵיילִיגֶע סְפָרִים אַז די וָוארְט "תֵּיבָה" הָאט צְוֵויי טַייטְשְׁן, עֶס קֶען מֵיינֶען די שִׁיף פון נֹחַ און עֶס קֶען מֵיינֶען "אַ וָוארְט", דָאס מֵיינְט די "וֶוערְטֶער" פון דַאוְוענֶען. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט פַאר נֹחַ בֹּא אַתָּה וְכָל בֵּיתְךָ אֶל הַתֵּבָה דו און דַיין הויזְגֶעזִינְד זָאלְן אַרַיין אין די תֵּיבָה, דָאס איז מְרַמֵּז אויף די בְּחִינָה פון "בָּקִי בְּרָצוֹא" צו אַרַיינְגַיין אין די תֵּיבָה וָואס דָאס מֵיינְט די וֶוערְטֶער פון דַאוְוענֶען. שְׁפֶּעטֶער הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִים גֶעהֵייסְן צֵא מִן הַתֵּיבָה אַתָּה וְאִשְׁתְּךָ וְכוּ' כָּל הַחַיָּה וְכָל הָרֶמֶשׂ הוֹצֵא גֵיי אַרויס פון די תֵּיבָה דו מִיט דַיין מִשְׁפָּחָה און אַלֶע חַיּוֹת וְכוּ' זָאגְט רַשִׁ"י אויף די וָוארְט "הוֹצֵא" אַז מֶען לֵיינְט דָאס "הַיְצֵא" דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט פַאר נֹחַ, טָאמֶער זֵיי ווילְן נִישְׁט אַרויס פון די תֵּיבָה נֶעם זֵיי דו אַרויס, ווייל דָאס איז מְרַמֵּז אויף דֶער עִנְיָן פון "בָּקִי בְּשׁוֹב".

יֶעדֶער אֵיינֶער פון אונְז וָואלְט גֶעוָואלְט אַ גַאנְצְן טָאג זִיצְן אין שׁוּל אָדֶער אין חֶדֶר און נָאר דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דָארְט, אָן קַיין נִסְיוֹנוֹת פון די גַאס און אָן קַיין שְׁוֶועריקַייטְן, צום בֵּיישְׁפִּיל אַ אִינְגְל מַאכְט אָפּ בַּיי זִיךְ אַז פון הַיינְט אָן גֵייט עֶר דַאוְוענֶען מִיט גְרוֹיס כַּוָּונָה און גְרוֹיס הִתְלַהֲבוּת, אָדֶער לְמָשָׁל עֶר גֵייט אוֹיפְשְׁטֵיין זַייעֶר פְּרִי און זִיךְ גְרֵייטְן צום דַאוְוענֶען, אַ שְׁטִיק צַייט שְׁפֶּעטֶער זֶעט עֶר אַז זַיין פְּלַאן אִיז זִיךְ צוּרִירְן און עֶר אִיז בַּיי זִיךְ אִינְגַאנְצְן אַרָאפּ גֶעפַאלְן, דַארְף עֶר זִיךְ זַייעֶר שְׁטַארְקְן און דֶערְהַאלְטְן און טון וָואס עֶר קֶען און חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט זִיךְ מְיַיאֵשׁ זַיין, און דָאס מֵיינְט "בָּקִי בְּשׁוֹב" ווי אויךְ וֶוען אַ קִינְד אִיז עוֹסֵק בְּדִבְרֵי הָרְשׁוּת וֶוען עֶר גֵייט לְמָשָׁל עֶסְן אָדֶער זִיךְ שְׁפִּילְן אָדֶער אִין גֶעשֶׁעפְט, דַארְף עֶר ווִיסְן אַז דָאס מֵיינְט אוֹיכֶעט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. (הִלְכוֹת שַׁבָּת ז' אוֹת ס"ט ע')

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן אַלֶע זוֹכֶה זַיין צו תְּשׁוּבָה בִּשְׁלֵמוּת און מִיר זָאלְן זַיין בָּקִי בְּרָצוֹא און בָּקִי בְּשׁוֹב און דוּרְךְ דֶעם וֶועט זַיין די גְאוּלָה שְׁלֵמָה בְּקָרוֹב.

# אין אמשה'לע



## מיטן כח פון תפלה באחדות

אִין אוּנְזֶער תַּלְמוּד תּוֹרָה הָאט מֶער גֶעבּוֹיט אַ נַייעֶר בִּנְיָן, און אִיךְ הָאבּ זַייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט אַז אוּנְזֶער כִּתָּה זָאל זִיךְ אַרַיינְצִיעֶן אִין דֶער נַייעֶר אָפְּטֵיילוּנְג וָואס מֶען הָאט צוּגֶעבּוֹיט.

אִיךְ הָאבּ צַאמְגֶענוּמֶען מַיינֶע בְּרֶסְלֶבְ'עֶ חֲבֵרִים וָואס לֶערְנֶען אִין דֶער תַּלְמוּד תּוֹרָה און צוּזַאמֶען מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען אַז מִיר זָאלְן טַאקֶע קֶענֶען דָארְט אַרַיינְגֵיין און בְּעֶזְר הַשֵּׁם וֶוען עֶס וֶועט גֶעשֶׁען און דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוֹיסְהֶערְן אוּנְזֶערֶע תְּפִלּוֹת וֶועל אִיךְ עֶס אַרַיינְשִׁיקְן דָא אִין 'מַיין מַעֲשֶׂה'לֶע'!

אַזוֹי הָאבְּן אוּנְז זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן צוּ מִתְפַּלֵּל זַיין.

לְמַעֲשֶׂה אִיז אַרִיבֶּער אַפָּאר טֶעג און קוֹדֶם הָאט מֶען אַרִיבֶּערְגֶענוּמֶען אוּנְזֶער כִּתָּה אִינֶעם אַלְטְן בִּנְיָן, אָבֶּער אַ וָואךְ שְׁפֶּעטֶער הָאבְּן אוּנְז בַּאקוּמֶען די פְּרֵיילִיכֶע בְּשׂוֹרָה אַז מֶען גֵייט שׁוֹין אַרִיבֶּער גֵיין צוּם נַייעֶם בִּנְיָן!

יִישַׁר כֹּחַ

# א טישל פון הימל

מַיין טַאטֶע הָאט וִויכְטִיג גֶעדַארְפְט הָאבְן אַ טִישׁ פַאר זַיין אָפִיס. וָואס אִיז דֶער פְּרָאבְּלֶעם? מֶען גֵייט אַרַיין אִין גֶעשֶׁעפְט אוּן מֶען קוֹיפְט אַ טִישׁ, בִּישְׁט אַזוֹי??

נֵיין, בִּישְׁט בַּיי אוּנְז. מִיר זֶענֶען גֶעוואוֹינְט צוּ מִתְפַּלֵל זַיין צוּם בַּאשֶׁעפֶער פַאר יֶעדֶע זַאךְ.

אַ גוּטֶע טִישׁ אִיז בִּישְׁט קַיין בִּילִיגֶע מַעֲשֶׂה, ס'קוֹיפְט זִיךְ בִּישְׁט אַזוֹי טִישְׁן אִין אַ הֶעלְן טָאג...



מַיין טַאטֶע הָאט מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען צוּם בַּאשֶׁעפֶער אַז אַז עֶר זָאל אִים צוּשִׁיקְן עֶפֶּעס אַ גֶענוּצְטֶע טִישׁ אִין אַ גוּטְן מַצָּב. ס'דַארְף בִּישְׁט זַיין וֶוער וֵוייסְט וָואס, נָאר אַ גוּטֶע פְּרַאקְטִישֶׁע טִישׁ צוּ קֶענֶען זִיךְ בַּאנוּצְן דֶערְמִיט.

דֶעם אַנְדֶערְן טָאג בַּאמֶערְקְן מִיר נֶעבְּן אוּנְזֶער מִיסְט-קַאסְטְן צְווֵיי גֶענוּצְטֶע טִישְׁן וָואס אֵיינֶס אִיז גֶעוֶוען מַמָּשׁ דִי גוּטֶע מָאס וָואס מַיין טַאטֶע הָאט גֶעדַארְפְט הָאבְן פַאר דִי אָפִיס!

דִי מַעֲשֶׂה עֶנְדִיגְט זִיךְ אָבֶער בִּישְׁט בַּיי דֶעם. עֶטְלִיכֶע וָואכְן שְׁפֶּעטֶער אִיז מַיין טַאטֶע פּוּנְקְט אַרִיבֶּערְגֶעפָּארְן אַ גוֹי'אִישֶׁע שְׁטִילֶע גֶעגְנְט אוּן גֶעזֶען בַּיי אַ הוֹיז וָואס שְׁטֵייט צוּ פַארְקוֹיפְן, אַ גָאר פְּרַאקְטִישֶׁע טִישׁ פַאר אַ אָפִיס אִין זֵייעֶר אַ גוּטְן צוּשְׁטַאנְד. מַיין טַאטֶע קְלַאפְּט אַרַיין בַּיים טִיר צוּ גֶעוואוֹיר וֶוערְן צוּ וֶועמֶען דֶער טִישׁ גֶעהֶער אוּן אוֹיבּ ס'אִיז הֶפְקֵר, אָבֶער עֶר אִיז אוֹיפְגֶענוּמֶען גֶעוָוארְן דוּרךְ דֶער הוּנְט...

מַיין טַאטֶע הָאט אָנְגֶעקְלִינְגֶען דֶער בְּרָאקֶער [מתווך] וָואס זַיין נָאמֶען אִיז גֶעשְׁטַאנֶען דָארְט אוֹיפְ'ן טָאוְול צוּ פְרֶעגְן דֶעם טֶעלֶעפָאן נוּמֶער פוּנֶעם גוֹי וָואס אִיז מִסְתָּמָא בִּישְׁט אִינְדֶערְהֵיים, אָבֶער יֶענֶער הָאט גְלַייךְ גֶעוואוּסְט פוּן דִי טִישׁ וָואס לִיגְט אוֹיף 'דִי לִינְקֶע זַייט פוּן דִי הוֹיז' - מִסְתָּמָא וַוארְט דָאס שׁוֹין אַפָּאר חֳדָשִׁים אוֹיף אַ אִידְל... - אוּן עֶר הָאט בַּאשְׁטֶעטִיגְט אַז מֶען קֶען עֶס נֶעמֶען.

מַיין טַאטֶע הָאט פּוּנְקְט גֶעהַאט אַ בָּחוּר אִין זַיין אוֹטָא וָואס הָאט גֶענוּמֶען אַ טְרֶעמְפְּ [היטש] מִיט אִים. עֶר הָאט אִים גֶעהָאלְפְן אַרַיינְשְׁלֶעפְּן דֶעם טִישׁ אִין קַאר. דֶעם אַנְדֶערְן טָאג הָאט עֶר גֶעבָּארְגְט אַ הַאנְט-וֶועגְל פוּן דִי פִּישׁ גֶעשֶׁעפְט וָואס אִיז נֶעבְּן אוּנְזֶער הוֹיז אוּן אַזוֹי אַרַיינְגֶעשְׁלֶעפְּט אִין אָפִיס!




*אין קורצן פון פריער:*

*דער רבי שיקט פלוצלונג רבי נתן מיט רבי נפתלי צום ציון פון בעל שם טוב. ער באפעלט זיי אז אויפ'ן וועג זאלן זיין זיך אפשטעלן אין בארדיטשוב. זיי קומען אן און טרעפן דארט דער שפאלער זיידע וועלכער איז געווען פון רבי'נס מתנגדים. רבי נתן זעט דערין א סימן אז דער רבי האט וויל אז זיי זאלן ריינוואשן די פאלשע באריכטן אויף אים. זיי פירן אויס ערליך זייער שליחות.*

*אצינד לייענט ווייטער:*

## דעם רבינ'ס קינד אין סכנה

אין די פריערדיגע קאפיטלען האבן מיר געלערנט ווי דער רבי איז געבענטשט געווארן מיט א ליכטיג קינד וועמען ער האט גערופן, שלמה אפרים. דער רבי איז געווען זייער פרייליך ווען דאס קינד איז געבוירן געווארן און געלייגט גרויס האפענונג אויף זיין צוקונפט.

ליידער האט דער אויבערשטער געפירט אז דאס קינד איז זייער קראנק געווארן מיט א שווערע קרענק אויף די לונגען, ווען ער איז נאך געווען ממש א קליינער, קוים צוויי יאר אלט. דער רבי האט זייער געבעטן מען זאל מתפלל זיין פאר די רפואה פון דאס טייער קינד.

נאך שבועות האט דער רבי זיך ארויסגעלאזט אין וועג אויפ'ן קיין מעזיבוזש, צו מתפלל זיין ביים ציון פון זיידן - דער הייליגער בעל שם טוב און איינרייסן אויף א רפואה פון דער קליינער שלמה אפרימ'ל. אזוי אויך האט דער רבי אינזין געהאט אויסצופעולן א רפואה פאר איינער פון זיינע גרויסע חסידים, רבי חיים שרה'ס פון ברסלב, וועלכער איז ליידער אויך געווען זייער נישט געזונט.

צוריקקומענדיג האט דער רבי געזאגט אז ער האט גע'פועל'ט א רפואה פאר רבי חיים אבער נישט געקענט אויספועל'ן פאר זיין קינד. ליידער איז דאס קינד נסתלק געווארן נאך איידער רבי האט האט זיך אומגעקערט אהיים. די טראגעדיע האט שווער באטראפן די משפחה און אלע חסידים.

דאס קינד וואס איז קוים אלט געווען צוויי יאר מיט צוויי חדשים האט באזיצט א הייליגע נשמה. דער רבי האט געהאט גרויסע ערווארטונגען אויף

אים. דער רבי האט זייער געקלאגט נאך דאס קינד. ער האט געזען אין דער טראגעדיע א גרויסע בראך פאר כלל ישראל.

נאך די שבעה זענען רבי נתן און רבי נפתלי אריין באזוכן דעם רבי'ן. דאס איז געווען אויף א דאנערשטאג פרשת דברים. דער רבי האט זיך אויסגערעדט איבער זיינע פילע ווייטאגליכע יסורים וואס ער מאכט מיט פון אלע זייטן; ער אליין איז נישט געזונט און ליידט שווערע ווייטאגן אויף זיין גוף; דערצו מוטשעט ער זיך מיט שרעקליכע מחלוקות וואס ער האט פון די דרויסנדיגע וועלט. אין יענע תקופה האט ער געהאט אויסצושטיין געפערליכע רדיפות פון אלע ליגנס וואס מען האט ארומגערעדט אויף אים. און אצינד האט ער פארלוירן אזא הייליגע און טייערע נשמה אויף דער וועלט.

"ווי אזוי קענט איר בכלל פארשטיין וואספארא אומגליק עס איז פאר די וועלט, די פטירה פון דאס קינד? מיין הארץ איז אינגאנצן צעריסן און צובלוטיגט!" דערביי האט דער רבי זיך גאר שטארק צעוויינט ווען הייסע טרערן רינען פון זיינע הייליגע אויגן.

רבי נתן און רבי נפתלי האבן דאן געשפירט ווי די וועלט איז חרוב געווארן פאר זיי. עס איז זיי געווען זייער אומבאקוועם צו זיין אין צימער בשעת דער רבי וויינט אזוי ביטערליך. זיי האבן זיך אויפגעהויבן און ארויסגעשלייכט פון צימער.

א טאג דערויף, פרייטאג, האט דער רבי געזאגט פאר רבי נתן און רבי נפתלי אז אויב וואלטן זיי נעכטן נישט ארויס פון צימער וואלט ער זיי געזאגט עפעס גאר א שיינע תורה. למעשה האט זיי דער רבי געזאגט דעם תורה יענעם פרייטאג.

דער צדיק וואס איז עוסק אין פאררעכטן נשמות

די תורה (ליקוטי מוהר"ן ס"ה) איז א וואונדערליכע תורה וואס רעדט זיך איבער א פעלד וואס פארמאגט די הערליכסטעביימער און גראזן. עס געפינט זיך דארט א גערטנער וואס לייגט אריין אן א שיעור כוחות צו אכטונג געבן אז עס זאל דארט שפראצן און בליען. דער גערטנער גיבט גאר אכטונג און היט אפ די געוויקסן פון סיי וועלכע שאדן וואס קען אנקומען אויף דעם פעלד.

דאס איז מרמז אויף הייליגע אידישע נשמות וואס דער צדיק טוט אכטונג געבן און אפהיטן אזוי ווי א גערטנער אין פעלד. בשעת דער צדיק איז עוסק און טוט אנווענדן העכערע כוחות צו מתקן זיין די נשמות, ליידט ער זיך צאם אויסטערלישע יסורים.

דאס איז געווען דאס ערשטע מאל וואס דער רבי האט אנגעהויבן צו אנטפלעקן זיינע הימלישע עבודות אין וואס ער איז עוסק פאר כלל ישראל. היינט איז שוין ברייט באקאנט ווי דער רבי פארעט זיך צו מתקן זיין נשמות פון אידן ובפרט נשמות וואס זענען שוין אויפ'ן עולם האמת און איבערהויפט פארעט ער זיך מיט זיינע טייערע ברסלב'ער חסידים, אבער יענעם פרייטאג איז רבי נתן און רבי נפתלי צום ערשטן מאל געוואויר געווארן פון אזא מין מושג פון מתקן זיין נשמות מיט וואס דער רבי איז עוסק!

# הארבאפט אין מיליטער

אין יְרוּשָׁלַיִם שְׁטֵייט אַ שׁוּל, עֶס הֵייסְט נִיסָן בַּק'ס שׁוּל, עֶס זִיצְט דָארְט אַ אִיד רֶבִּי נַפְתָּלִי כֹּהֵן – מֶען רוּפְט אִים רֶבִּי נַפְתָּלִי בַּארְדִיטְשׁוֹבֶ'ער, עֶר אִיז גֶעוֶוען דֶער שְׁוֶוער פוּן רֶבִּי אַבְרָהָם בר"נ נַחְמָן.

רֶבִּי נַפְתָּלִי זִיצְט אוּן דֶער עוֹלָם אַרוּם הֶערְט אוֹיס דִי אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע פַּאסִירוּנְג וָואס אִיז גֶעשֶׁען יָארֶן צוּרִיק מִיט רֶבִּי נַפְתָּלִי'ס טַאטֶע, ר' יִצְחָק דָּוִד.

ר' יִצְחָק דָּוִד כֹּהֵן, אַלְס קִינְד פוּן פִינֶעף יָאר הָאט מֶען אִים אַוֶועקְגֶעכַאפְּט בַּיי דִי קַאנְטָאנִיסְטְן. לַיידֶער אִיז אַזוֹי גֶעוֶוען אַז אַלֶע קִינְדֶער וָועלְכֶע זֶענֶען נֶעבֶּעך אַרַיינְגֶעפַאלְן בַּיי דִי חֶבְרָה זֶענֶען פַארְפַאלְן גֶעוָוארְן, אָבֶּער ר' יִצְחָק דָּוִד הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעלָאזְט בְּשׁוּם אוֹפֶן, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט עֶסְן קַיין טְרֵיפוֹת – שְׁטֶעלְט אַייךְ פָאר! אַ קִינְד פוּן פִינֶעף יָאר מִיט אַזֶעלְכֶע הַשָּׂגוֹת! ווִיבַּאלְד עֶר אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אַבִּיסְל אָנְגֶעזַאפְּט פוּן זַיין טַאטְנְס יִרְאַת שָׁמַיִם הָאט עֶר זִיךְ נִישְׁט גֶעלָאזְט פַארְנַארְן אוֹיף קַיין שׁוּם זַאךְ נִישְׁט.

אַזוֹי אִיז עֶר אוֹיפְגֶעוַואקְסְן גֶעוָוארְן דָארְט בַּיי דֶער מִילִיטֶער, עֶר הָאט גֶעווּאוּסְט אַז עֶר אִיז אַ אִיד, עֶר הָאט גֶעגֶעסְן נָאר כָּשֵׁרְ'ס וָואס עֶר הָאט נָאר גֶעקֶענְט דָארְט זִיךְ אָבְּבַּאכְט גֶעבְּן.

וֶוער עֶר אִיז שׁוֹין עֶלְטֶער גֶעוָוארְן, הָאט עֶר גֶעהַאט אַ עֶלְטֶערֶער קַאמַאנְדִיר, וָועלְכֶער פְּלֶעגְט אִים שְׁטֶענְדִיג אָנְטוּן צָרוֹת, עֶר פְלֶעגְט אִים שְׁטֶעלְן אַלֶעמָאל אוֹיפְן פְרָאנְט אוֹיף דִי עֶרְגְסְטֶע פְּלֶעצֶער – אַלְס אַ אִיד הָאט עֶר אִים גֶעוָואלְט שְׁטֶעלְן אוֹיפְן עֶרְגְסְטְן אָרְט.



דֶער ר' יִצְחָק דָּוִד הָאט גֶעהַאט אַ בֵּייז הַארְץ אוֹיף אִים, אָבֶּער וָואס קֶען עֶר אִים טוּהְן? אַ גוֹי!

פַאר שִׂמְחַת תּוֹרָה פְלֶעגְט מֶען אַהֵיימְלָאזְן דִי אִידְן צוּ גֵיין אִין דִי שׁוּלְן. אִיז עֶר אַרַיין אִין אַ שׁוּל דָארְטְן עֶרְגֶעץ. דֶער קַאמַאנְדִיר זַיינֶער הָאט גֶעוָואלְט זֶעהְן וָואס עֶר טוּט זִיךְ דָארְטְן בַּיי דִי אִידְן שִׂמְחַת תּוֹרָה, אִיז עֶר אוֹיךְ גֶעקוּמֶען דָארְטְן אַהִין. זֶעהְט עֶר דָארְטְן דֶעם ר' יִצְחָק דָּוִד רָאכְמַאן. רֶבִּי נַפְתָּלִי'ס פַאמִילְיֶע נָאמֶען אִיז גֶעוֶוען רָאכְמַאן.

הַכְּלָל, עֶר אִיז גֶעוֶוען דָארְטְן אִין שׁוּל, אוּן ר' יִצְחָק דָּוִד זֶעהְט ווִי דֶער קַאמַאנְדִיר קוּמְט אָן, הָאט עֶר זִיךְ נִישְׁט ווִיסְנְדִיג גֶעמַאכְט פוּן אִים. אַז מֶען זֶעהְט אַ קַאמַאנְדִיר דַארְף מֶען דָאךְ אִים עֶפֶּעס אָפְּגֶעבְּן דֶעם כָּבוֹד זַיינֶעם, אָבֶּער עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעמַאכְט ווִיסְנְדִיג.

זָאגְט אִים דֶער קַאמַאנְדִיר: "רָאכְמַאן, דוּ זֶעסְט מִיךְ נִישְׁט?". גִיבְּט ר' יִצְחָק דָּוִד אִים אַ קוּק אָן אוּן לָאזְט אִים אַרָאפּ צְווֵיי פְּרֶעסְק – אַהֶער אוּן אַהִין. דֶער רָאכְמַאן הָאט אַרָאפְּגֶעלָאזְט פְּרֶעסְק פַאר דֶעם קַאמַאנְדִיר – דֶעם גוֹי – אוּן עֶר אִיז גֶעבְּלִיבְּן בַּאלְד טוֹיט אוֹיפְן פְּלַאץ. אַז מֶען הָאט אִים גֶענוּמֶען אִין שְׁפִּיטָאל אִיז עֶר שׁוֹין גֶעוֶוען דֶערְנָאךְ..

אִיז ר' יִצְחָק דָּוִד דָאךְ אוֹיסְגֶעשְׁטַאנֶען אַ מִשְׁפָּט אוֹיף בַּאגֵיין אַזַא מַעֲשֶׂה.

עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דֶער טָאג פוּנֶעם מִשְׁפָּט אוּן דֶער שׁוֹפֵט הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: "וָואס אִיז פְּשַׁט פוּן דֶעם גֶעפֶערְלִיכְן אַקְט וָואס עֶר אִיז בַּאגַאנְגֶען?" הָאט עֶר גֶעזָאגְט: אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אָנְגֶעטְרוּנְקֶען אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעווּאוּסְט וָואס אִיךְ הָאבּ בִּכְלָל גֶעטוּהְן. הָאט דֶער שׁוֹפֵט גֶעשִׁיקְט פְּרֶעגְן דֶעם רַב צוּ עֶס

אִיז רִיכְטִיג אַז שִׂמְחַת תּוֹרָה טְרִינְקְט מֶען. זָאגְט דֶער רַב: "יָא , מֶען טְרִינְקְט אַ קַאפִּיטְשְׁקֶע, מֶען טְרִינְקְט עֶפֶּעס "

דֶער שׁוֹפֵט זָאגְט: "פַּטֶר'ן דִיךְ אִינְגַאנְצְן קֶען מֶען נִישְׁט, פָּארְט בִּיזְטוּ בַּאגַאנְגֶען אַ גְרוֹיסֶע זִינְד", הָאט מֶען אִים אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן אַזַא עוֹנֶשׁ: אַז צְוֵויי שׁוּרוֹת מִילִיטֶערְלַייט זָאלְן זִיךְ אוֹיסְשְׁטֶעלְן אִין צְוֵויי שׁוּרוֹת אוּן עֶר זָאל דוּרְכְגֵיין אִינְמִיטְן אוּן כַאפְּן פוּן זֵיי שְׁמִיץ .

דִי קַאנְטְשִׁיקֶעס פְלֶעגְן זַיין פוּן דְרָאטְן. פַארְצֵיילְט ר' יִצְחָק דָוִד, מֶען הָאט אִים גֶעגֶעבְּן אַזֶעלְכֶע קְלֶעפּ אַז עֶר הָאט גֶעמֵיינְט אַז עֶר הַאלְט עֶס נִישְׁט אוֹיס, אָבֶער אַז עֶר הָאט זִיךְ דֶערְמַאנְט אַז עֶר הָאט גֶע'פַּטְר'ט דֶעם עֲמָלֵקִי - דֶעם חֶבְרָה - מַאן, הָאט עֶר גָארְנִישְׁט גֶעשְׁפִּירְט דִי קְלֶעפּ וָואס זֵיי הָאבְּן אִים גֶעגֶעבְּן.

עֶס אִיז אַרִיבֶּער אַ שְׁטִיקְל צַייט, אוּן מֶען הָאט אִים בַּאפְרַייט פוּן מִילִיטֶער . אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּ רֶבִּי יִצְחָקְ'ל נֶעשְׁכִיזֶער - רֶבִּי מָרְדְכָי'לֶע נֶעשְׁכִיזֶערְ'ס אַ זוּן . אַז עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּ גֵיין דָארְטְן, זָאגְט עֶר פַאר דֶעם גַּבַּאי: "זָאג דֶעם רֶבִּי'ן אַז עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אֵיינֶער וָואס וִויל זִיךְ זֶען מִיט אִים".

זָאגְט דֶער גַּבָּאִי: "מֶען קֶען נִישְׁט אַרֵיינְקוּמֶען" . זָאגְט עֶר פַארְן גַּבַּאי: "זָאג אִים אַז אֵיינֶער פוּן דִי קַאנְטָאנִיסְטְן אִיז גֶעקוּמֶען" . וֶוען ר' יִצְחָקְ'ל הָאט דָאס גֶעהֶערְט, זָאגְט עֶר: "עֶר דַארְף קוּמֶען צוּ מִיר? אִיךְ דַארְף אַרוֹיסְלוֹיפְן צוּ אִים ! אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען דָארְטְן בַּיי דִי חֶבְרָה - אוּן עֶר אִיז נָאךְ גֶעבְּלִיבְּן אַ אִיד, שְׁטֵייט עֶר הֶעכֶער פוּן אַלֶעמֶען". אִיז עֶר אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען אוּן עֶר הָאט אִים מְכַבֵּד גֶעוֶוען. אַזוֹי הָאט אִים ר' נַפְתָּלִי דֶערְצֵיילְט פוּן דֶעם טַאטְן זַיינֶער .) פַארְצֵיילְט דוּרְךְ ר' נַחְמָן בּוּרְשְׁטֵיין, טַעַם זְקֵנִים)

בילד אויפן קעפל, א אידישער קאנטאניסט.

## ~ מעמד צעקת הלב של תינוקות של בית רבן מול כלא 10~



















# סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִשָּׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת



## מַעֲשֶׂה יב׳
## דֶער ׳בַּעַל-תְּפִילָה׳

וִוי זֵיי הָאבְּן גֶעגֶעסְן פוּן דִי [דָאזִיגֶע] ׳מַאֲכָלִים׳ – הָאבְּן זֵיי תֵּיכֶּף אָנְגֶעהוֹיבְּן אַוֶועק־צוּ־וַוארְפְן פוּן זִיךְ, דָאס ׳גֶעלְט׳ [זֵייעֶר זִילְבֶּער אוּן גָאלְד]!

אוּן אִיטְלֶעכֶער, הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעגְרָאבְּן [פַאר זִיךְ אַלֵיינְס] אַ ׳גְרוּבּ׳ [אוּן אַ ׳קֵבֶר׳]! אוּן הָאט זִיךְ [אַלֵיינְס] בַּאגְרָאבְּן אִין דֶעם ׳גְרוּבּ׳, מַחֲמַת [צוּלִיבּ] ׳גְרוֹיס בּוּשָׁה׳ וָואס זֵיי הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר גֶעשֶׁעמְט! – וָוארְן זֵיי הָאבְּן דֶערְפִילְט: ״וִוי דָאס ׳גֶעלְט׳ שְׁטִינְקְט זֵייעֶר [מַמָּשׁ אַזוֹי־וִוי ׳צוֹאָה׳]״! – וַוייל זֵיי הָאבְּן פַארְזוּכְט פוּן דִי [אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע] ׳מַאֲכָלִים׳!

אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ צוּרִיסְן דָאס ׳פָּנִים! – אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ בַּאגְרָאבְּן! – אוּן הָאבְּן [זִיךְ] דָאס ׳פָּנִים׳, גָארְנִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיפְהֵייבְּן! – אוּן אֵיינֶער פַאר דֶעם אַנְדֶערְן, הָאט זִיךְ גֶעשֶׁעמְט!

וָוארְן דָארְט אִין דֶעם אָרְט [פְּלַאץ] – אִיז דָאס ׳גֶעלְט׳, דִי גֶרֶעסְטֶע ׳בּוּשָׁה׳, פוּן אַלֶע ׳בּוּשׁוֹת׳!

אוּן אַז אֵיינֶער וִויל דֶעם אַנְדֶערְן עֶפֶּעס אוֹיסְוַוארְפְן [פַארְשֶׁעמֶען] – וַוארְפְט עֶר אִים אוֹיס [עֶר זָאגְט אִים]: ״דוּ הָאסְט גֶעלְט״! וָוארְן ׳גֶעלְט׳ – אִיז דָארְט ׳זֵייעֶר אַ אַ גְרוֹיסֶע בּוּשָׁה׳! – אוּן וָואס אֵיינֶער הָאט [אַלְץ] מֶער גֶעלְט – שֶׁעמְט עֶר זִיךְ מֶער!

אִיבֶּערְדֶעם [צוּלִיבּ דֶעם] הָאבְּן זֵיי זִיךְ בַּאגְרָאבְּן, מַחֲמַת [צוּלִיבּ] ׳גְרוֹיס בּוּשָׁה׳!

אוּן אִיטְלֶעכֶער [קֵיינֶער פוּן זֵיי] הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיפְהֵייבְּן דָאס ׳פָּנִים׳, אֲפִילוּ פַאר דֶעם אַנְדֶערְן [זַיין חַבֵר]! – מִכָּל־שֶׁכֵּן פַאר דֶעם [אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטְן] ׳גִבּוֹר׳!

אוּן וֶוער סְ׳הָאט נָאךְ בַּיי זִיךְ גֶעפוּנֶען, עֶפֶּעס אַ ׳גִילְדְן׳, אָדֶער אַ ׳גְרָאשְׁן׳ – הָאט עֶר אִים מְבַעֵר גֶעוֶוען [אוֹיסְגֶערוֹימְט] פוּן זִיךְ תֵּיכֶּף! אוּן עֶר הָאט אִים אַ וַוארְף גֶעטָאן [וַוייט אַוֶועק] פוּן זִיךְ [מִיט גְרוֹיס אַיילֶענִישׁ]!

דֶערְנָאךְ אִיז דֶער ׳גִבּוֹר׳ צוּ זֵיי גֶעקוּמֶען – אוּן הָאט זֵיי אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן זֵייעֶרֶע ׳גְרִיבֶּער׳ [אוּן ׳קְבָרִים׳], וָואס זֵיי הָאבְּן זִיךְ דָארְט בַּאגְרָאבְּן פַאר ׳בּוּשָׁה׳! – אוּן עֶר הָאט צוּ זֵיי גֶעזָאגְט: ״קוּמְט מִיט מִיר! – וָוארְן הַיינְט בַּאדַארְפְט אִיר שׁוֹין קַיין מוֹרָא נִישְׁט צוּ הָאבְּן פַאר דֶעם ׳גִבּוֹר׳ [וָואס דִי אַלֶע מֶענְטְשְׁן פוּן דִי ׳מְדִינָה פוּן עֲשִׁירוּת׳ הָאבְּן מוֹרָא גֶעהַאט פוּן אִים, וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט] – וָוארְן אִיךְ בִּין דָאס אַלֵיין דֶער ׳גִבּוֹר׳״!

הָאבְּן זֵיי גֶעבֶּעטְן [פוּן] דֶעם ׳גִבּוֹר׳: ״אַז עֶר זֵיי זָאל גֶעבְּן פוּן דִי [דָאזִיגֶע] ׳מַאֲכָלִים׳! כְּדֵי זֵיי זָאלְן [דָאס] פִירְן, אִין ׳זֵייעֶר מְדִינָה [פוּן עֲשִׁירוּת]׳ אַרַיין״!

וָוארְן זֵיי אַלֵיין [דִי ׳גָאטְן׳] – וֶועלְן שׁוֹין בְּוַודְאַי [זֵייעֶר] פַיינְט הָאבְּן ׳גֶעלְט׳! – לוּשְׁמִיר [נָאר] זֵיי הָאבְּן גֶעוָואלְט: אַז [אוֹיךְ] דִי ׳גַאנְצֶע מְדִינָה [פוּן עֲשִׁירוּת]׳, זָאלְן אַרוֹיס [גֵיין] פוּן דֶער [דָאזִיגֶער]

׳תַּאֲוָה פוּן גֶעלְט׳! הָאט דֶער ׳גִבּוֹר׳ זֵיי גֶעגֶעבְּן, פוּן דִי [דָאזִיגֶע] ׳מַאֲכָלִים׳! הָאבְּן זֵיי גֶעפִירְט דִי ׳מַאֲכָלִים׳, אִין ׳זֵייעֶר מְדִינָה [פוּן עֲשִׁירוּת]׳ אַרַיין!

אוּן תֵּיכֶף וִוי זֵיי הָאבְּן זֵיי גֶעגֶעבְּן פוּן דִי ׳[דָאזִיגֶע] מַאֲכָלִים׳ – הָאבְּן זֵיי אַלֶע תֵּיכֶף אָנְגֶעהוֹיבְּן, אַוֶועק־צוּ־וַוארְפְן זֵייעֶר ׳גֶעלְט׳ [זִילְבֶּער אוּן גָאלְד]! – אוּן [זֵיי] הָאבְּן זִיךְ בַּאגְרָאבְּן אִין ׳[דִי הֵיילְן פוּן] דֶער עֶרְד׳, פַּאר ׳גְרוֹיס בּוּשָׁה׳!

אוּן דִי ׳גְרוֹיסֶע עֲשִׁירִים׳, אוּן דִי [אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע] ׳גָאטְן׳, הָאבְּן זִיךְ מֶער [זֵייעֶר אַסַאךְ] גֶעשֶׁעמְט!

אוּן [אוֹיךְ] דִי ׳קְלֵיינֶע לַייט׳ וָואס זֵיי פְלֶעגְן הֵייסְן בַּיי זֵיי [שְׁלֶעכְטֶע] ׳חַיוֹת׳ אוּן ׳עוֹפוֹת׳ [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט – פֶּרֶק ב אוֹת א], הָאבְּן זֵיי זִיךְ אוֹיךְ גֶעשֶׁעמְט, נָאךְ [אוֹיף דֶעם] וָואס זֵיי זֶענֶען בִּיז אַהֶער, בַּיי זִיךְ, אַזוֹי ׳קְלֵיין׳ גֶעוֶוען, וַוייל זֵיי הָאבְּן קַיין ׳גֶעלְט׳ נִישְׁט! – וָוארְן הַיינְט הָאבְּן זֵיי שׁוֹין גֶעוואוּסְט [יֶעצְט אִיז נִתְגַלֶה גֶעוָוארְן]: ״אַז אַדְרַבָּא פַארְקֶערְט, ׳גֶעלְט׳ אִיז דֶער עִיקָר בּוּשָׁה״!

וָוארְן דִי [דָאזִיגֶע אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע] ׳מַאֲכָלִים׳, הָאבְּן אִין זִיךְ אַזוֹי אַ [אַזַא] ׳סְגוּלָה׳: ״אַז וֶוער סְ׳עֶסְט פוּן דִי ׳מַאֲכָלִים׳, אִיז עֶר זֵייעֶר מְמַאֵס [פַארְמִיאוּסְ׳ט] ׳גֶעלְט׳! – וָוארְן עֶר פִילְט דֶעם ׳רֵיחַ־רַע׳ [שְׁטִינְק] פוּן ׳גֶעלְט׳, אַזוֹי־וִוי פוּן [׳צוֹאָה׳ אוּן ׳טִינוּף׳ [שְׁמוּץ] פוּנְקְט״!

[אוּן דֶעמָאלְט] הָאבְּן זֵיי אַלֶע, אַוֶועקְגֶעוָוארְפְן זֵייעֶר ׳גֶעלְט׳, אוּן זֵייעֶר ׳גָאלְד׳ [גָאלְדֶענֶע אָפְּגֶעטֶער] אוּן ׳זִילְבֶּער׳ [זִילְבֶּערְנֶע אָפְּגֶעטֶער]!

דֶערְנָאךְ, הָאט מֶען זֵיי [אַהִין] גֶעשִׁיקְט דֶעם [אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטְן] ׳בַּעַל־תְּפִילָה! הָאט עֶר זֵיי אוֹיסְגֶעגֶעבְּן [אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן]: ׳תְּשׁוּבוֹת׳ אוּן ׳תִּיקוּנִים׳!

אוּן עֶר הָאט זֵיי גֶערֵיינִיגְט! אוּן דֶער [אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶער] ׳מֶלֶךְ׳ – אִיז גֶעוָוארְן אַ ׳מֶלֶךְ׳, אִיבֶּער ׳גָאר דֶער [גַאנְצֶער] וֶועלְט׳!

אוּן ׳גָאר דִי [גַאנְצֶע] וֶועלְט׳ – הָאט [הָאבְּן] זִיךְ אוּמְגֶעקֶערְט [צוּרִיקְגֶעקֶערְט], צוּ ׳גָאט׳ בָּרוּךְ־הוּא!

אוּן זֵיי הָאבְּן אַלֶע עוֹסֵק גֶעוֶוען: נָאר אִין ׳תּוֹרָה׳, אוּן ׳תְּפִילָה׳, אוּן ׳תְּשׁוּבָה׳, אוּן ׳מַעֲשִׂים־טוֹבִים׳! אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן! בָּרוּךְ ה׳ לְעוֹלָם אָמֵן וְאָמֵן!

רְמָזִים פוּן רַבֵּינוּ זַ״ל אוֹיף דִי מַעֲשֶׂה

סְ׳שְׁטֵייט אִין פָּסוּק [יְשַׁעְיָה לא, ט]: אַז ׳הַשֵּׁם־יִתְבָּרַךְ׳ הָאט אַ ׳אוֹיבְן׳ אִין ׳דֶעם אָרְט׳ [אוֹיף אֵיין פְּלַאץ], אוּן דָאס ׳פֵייעֶר׳ אִיז אוֹיף אַ ׳אַנְדֶער אָרְט׳ [וַוייטֶער פוּנֶעם ׳אוֹיבְן׳]! – כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב : ״נְאֻם ה׳, אֲשֶׁר אוּר לוֹ בְּצִיּוֹן, וְתַנּוּר לוֹ בִּירוּשָׁלָיִם״!

דִי [דָאזִיגֶע] ׳גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה׳ [פוּן דֶער ׳בַּעַל־תְּפִילָה׳] – אִיז מְרוּמָז אִין דֶעם [דָאזִיגְן] ׳קַאפִּיטְל׳ [פוּן]: ׳יְשַׁעְיָה ל״א׳, עַיֵין־שָׁם [זֶעה דָארְט]!

אוּן זֶעה דָארְט דֶעם ׳גַאנְצְן אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטְן קַאפִּיטְל׳ – וָואס רֶעדְט דָארְט פוּן דִי ׳זַאךְ׳ פוּן דֶעם גַאנְצְן אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטְן ׳מַעֲשֶׂה:

״הוֹי הַיֹּרְדִים מִצְרַיִם לְעֶזְרָה, וְעַל סוּסִים

יִשָּׁעֵנוּ" "וּמִצְרַיִם אָדָם וְלֹא קֵל, וְסוּסֵיהֶם בָּשָׂר וְלֹא רוּחַ".

"וֵויי גֶעשְׂרִיגְן אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן וָואס נִידֶערְן אַרָאפּ קַיין 'מִצְרַיִם' צוּ 'הִילְף', אוּן אוֹיף דִי 'פֶערְד' זֵייעֶרֶע פַארְלָאזְן זֵיי זִיךְ! – אוּן דִי 'מִצְרִיִּים' זֶענֶען 'מֶענְטְשְׁן', אוּן נִישְׁט קַיין 'גָאט'! אוּן זֵייעֶרֶע 'פֶערְד' זֶענֶען פוּן 'פְלֵייש', אוּן נִישְׁט קַיין 'מַלְאָכִים'"!

דָאס אִיז דִי בְּחִינָה פוּן דִי 'דָאזִיגֶע מְדִינָה', וָואס דִי 'מְדִינָה פוּן עֲשִׁירוּת' הָאבְּן זִיךְ פַארְלָאזְט אוֹיף אִיר אַז זֵיי וֶועלְן זֵיי הֶעלְפְן! – וַוייל לוֹיט זֵייעֶר טָעוּת, הָאבְּן זֵיי גֶעמֵיינְט: "אַז זֵיי אַלֶע זֶענֶען 'גֶעטֶער'", אוּן אַז זֵייעֶרֶע 'פֶערְד' זֶענֶען 'מַלְאָכִים'! – וִוי עֶס אִיז אוֹיבְן עֶרְקְלֶערְט אִין דִי מַעֲשֶׂה! – זֶעה דָארְט אוּן דָאס עֶנְדִיגְט צוּ דֶער 'פָּסוּק': "וּמִצְרַיִם אָדָם וְלֹא קֵל, וְסוּסֵיהֶם בָּשָׂר" וְכוּ' [זֶעה פְרִיעֶר דִי טַייטְשׁ]! – אוּן פַארְשְׁטֵיי!

*

# דער אמתדיגער גליקליבער מענטש

המשך פון זייט 12

אִיז מִיט דִי אַנְדֶערֶע צְוֵויי אִינְגְלֶעךְ וָואס הָאבְּן גֶעאַרְבֶּעט מִיט אִים אִין גֶעשֶׂעפְט? וָואס וֶועט זַיין מִיט זֵיי? וֶוער וֶועט זֵיי מַסְבִּיר זַיין אַז עֶס אִיז אַ בּוּשָׁה פַאר קִינְדֶער צוּ אַרְבֶּעטְן אוּן זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט גֶעלְט?" דֶערִיבֶּער, גְלַייךְ נָאכְ'ן לֶערְנֶען, אִיז עֶר אַרִיבֶּער אִין גֶעשֶׂעפְט אוּן גֶעפְרֶעגְט פוּן מֵאִיר אוּן יוֹאֵל: "זָאגְט מִיר דֶעם אֱמֶת, הָאט אִיר עֶפֶּעס גֶעלֶערְנְט הַיינְט? הָאט אִיר גֶעעֶפְנְט אַ סֵפֶר? הָאט אִיר גֶעדַאוְונְט מִיט אַ מִנְיָן?"

זֵיי הָאבְּן זִיךְ בֵּיידֶע פַארְרוֹיטְלְט. זֵיי הָאבְּן גוּט גֶעוואוּסְט אַז נִישְׁט.

"הֶערְט אוֹיס, הֶערְט אוֹיס," הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט מִיט פְרֵייד, "אִיךְ בִּין אוֹיךְ אַמָאל גֶעוֶועען אִין עֶנְקֶער שִׂיךְ, נָאכְצוּלוֹיפְן גֶעלְט. הַיינְט, נָאכְדֶעם וָואס אִיךְ הָאבּ אַיינְגֶעזֶען אַז אַ קִינְד וָואס אַרְבֶּעט אוּן זוּכְט גֶעלְט וֶוערְט פַארְ'מִיאוּסְ'ט דֶערְפוּן, אוּן קֵיינֶער קוּקְט אִים נִישְׁט אָן וִוי קֵיין גְרוֹיסְן חָכָם, אַזַא סָארְט אִינְגְל שְׁפִּירְט זִיךְ פּוּסְט אוּן לֵיידִיג, הָאבּ אִיךְ אַלֶעס אִיבֶּערְגֶעלָאזְט."

"לָאמִיר אַרַיינְגֵיין אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ, לָאמִיר לֶערְנֶען אִינְאֵיינֶעם, מִיר וֶועלְן פַארְזוּכְן דֶעם זִיסְן טַעַם פוּן דִי גְמָרָא אוּן זִיךְ דֶערְהֵייבְּן צוּ זַיין נָאנְט צוּ הַשֵּׁי"ת, אוּן בֶּאֱמֶת פִילְן דֶעם טַעַם פוּן גַן עֵדֶן."

דֶעם קוּמֶענְדִיגְן טָאג, הָאבְּן זֵיי בֵּיידֶע גֶעלֶערְנְט הוֹיךְ אוּן גֶעשְׁמַאק. דִי אַנְדֶערֶע קִינְדֶער הָאבְּן אַרוֹיסְגֶעוִויזְן גְרוֹיס הַעֲרָצָה צוּ זֵיי אוּן זֵיי מְחַזֵק גֶעוֶועען פַארְ'ן טוּן דִי רִיכְטִיגֶע זַאךְ.

אֲפִילוּ דִי מֶענְטְשְׁן פוּן דִי גֶעלְט מְדִינָה הָאבְּן צוּם סוֹף תְּשׁוּבָה גֶעטָאן אוּן פַארְשְׁטַאנֶען אַז נָאכְצוּלוֹיפְן גֶעלְט בְּרֶענְגְט אַ מִיאוּסֶ'ע רֵיחַ אוּן אַ שְׁלֶעכְטְן שְׁמֶעק, אוּן נָאר וֶוער עֶס גֶעבְּט זִיךְ אָפּ מִיט תּוֹרָה אוּן תְּשׁוּבָה אִיז דֶער גְלִיקְלִיכְסְטֶער מֶענְטְשׁ, אוּן דָאס מֶערְסְטֶע נָאנְט צוּ הַשֵּׁי"ת.

:pe ______________



# לאמיר זיך פארהערן

## די צוועלעוטע מעשה - דער בעל תפילה (19)

**א.** וואס האבן זיי געטון ווען זיי האבן געגעסן פון די עסן פון די קאך?
- ❑ זיי האבן אנגעהויבן אוועקווארפן די געלט
- ❑ זיי האבן זיך באגראבן פאר בושה
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ב.** וואס איז די גרעסטע בושה אין יענע פלאץ?
- ❑ פריילִיכקייט
- ❑ ארימע קליידער
- ❑ געלט

**ג.** וואס האט דארטן געטוהן ווער ס'האט געטראפן ביי זיך געלט?
- ❑ האט דאס אוועק געלייגט פאר ווען ער וועט דאס דארפן
- ❑ ער האט עס געגעבן פאר זיין חבר
- ❑ ער האט עס מבער געווען און אוועק געטון פון זיך

**ד.** וואס האבן זיי נאכדעם געבעטן פון דעם גבור?
- ❑ אז ער זאל זיי געבן א וועג צו תשובה
- ❑ אז ער זאל קומען צו זייער מדינה ווערן קעניג
- ❑ אז ער זאל זיי געבן פון די עסן צו טראגן אין זייער מדינה

**ה.** וואס איז די סגולה פון די עסן, אז ווער ס'עסט פון דעם?
- ❑ ווערט געלד נישט אזוי חשוב ביי איס
- ❑ איז ער ממאס געלד
- ❑ איז ער זייער ממאס געלד

**ו.** שאלת זכות: אין וועלכע קאפיטל איז מרומז די מעשה?
- ❑ ישעי' ב'
- ❑ ישעי' ל'
- ❑ ישעי' ל"א

**ז.** האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?
- ❑ איינמאל
- ❑ צווייםאל
- ❑ איך האב געוואלט



# טיפער געטראכט

**וויפיל מאל ווערט דערמאנט דאסווארט "תורה" אין די מעשה פון דער בעל תפילה?**

### תשובות אויף די מעשה פון דער בעל תפילה (18)

א. וואספארא סדר האט דער בעל תפילה דערמאנט די אנשי המלך ? און וועמען האט ער נישט דערמאנט?

**מלך, מלכה, בת מלכה, גבור, קינד, מליץ, חכם, אוהב נאמן – ממונה אויף די אוצרות האט ער נישט דערמאנט**

ב. וועלכע סדר פון די כתות האט דערמאנט איינער פון די גבורים פארן בעל תפילה? און וועלכע כתה האט ער נישט דערמאנט?

**כבוד, רציחה, איידלע עסן, ישוב העולם, דיבור, שמחה, חכמה, גרויסן איברים, תפילה – תאוות ממון האט ער נישט דערמאנט**

ג. וואספארא סדר האט דער בעל תפילה דערמאנט די אנשי המלך פארן גבור ? און וועמען האט ער נישט דערמאנט?

**מלך, מלכה, בת מלכה, קינד, מליץ, חכם, ממונה אויף די אוצרות – אוהב נאמן האט ער נישט דערמאנט**

ד. וועלכע סדר האבן די כתות געטראפן די אנשי המלך ? און וועלכע כתה האט נישט געטראפן?

**גרויסן איברים – דער גבור, תפילה – דער בעל תפילה, מדינה של עשירות – דער ממונה, חכמה – דער חכם,**
**דיבור – דער מליץ, שמחה – דער אוהב נאמן, ישוב העולם – די בת מלכה, איידלע עסן – דער קינד,**
**רציחה – די מלכה, כבוד – דער מלך אין פעלד - מהאט געטראפן אלעמען**

## צו ענטפערן די בחינות, רופט

## 646-585-3040 02-5-3333-72

# דער אמתדיגער גליקליבער מענטש

נָאךְ לַאנְגֶע חֳדָשִׁים וָואס מִיר זֶענֶען נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן צוּם שַׁיין פוּן דֶעם מוֹרָא'דִיגֶע מַעֲשֶׂה פוּנֶעם בַּעַל תְּפִילָה, קוּמֶען מִיר יֶעצְט אָן צוּם סוֹף פוּן דִי מַעֲשֶׂה - קַאפִּיטְל י"ט!

לָאמִיר זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּ דִי מַעֲשֶׂה: גְלַייךְ נָאכְדֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעגֶעסְן דִי מַאֲכָלִים, הָאבְּן זֵיי זִיךְ זֵייעֶר גֶעשֶׁעמְט אוּן זִיךְ בַּאגְרָאבְּן פַאר בּוּשָׁה פַאר'ן הָאבְּן סַיי וֶועלְכֶע שַׁייכוּת צוּ אַזַא מִיאוּסֶ'ע זַאךְ. וֶוער עֶס הָאט פַארְמָאגְט מֶער עֲשִׁירוּת, הָאט אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן נָאךְ אַן עֶרְגֶערֶע אוּן שְׁרֶעקְלִיכֶער רֵיחַ. זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶערִיסְן דִי הָאר פוּן קָאפּ אוּן הָאבְּן בִּכְלַל נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיפְהֵייבְּן דֶעם קָאפּ, וַוייל עֲשִׁירוּת אִיז דִי גְרֶעסְטֶע בּוּשָׁה וָואס קֶען נָאר זַיין, אוּן קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט קוּקְן דֶעם צְוֵוייטְן אִין פָּנִים פַאר גְרוֹיס חֶרְפָּה.

אוּן וָואס הָאט פַּאסִירְט וֶוען אֵיינֶער הָאט גֶעפִינֶען אַ גְרָאשְׁן בַּיי זִיךְ? הָאט עֶר עֶס גֶעהַאלְטְן? חַס וְשָׁלוֹם! עֶר הָאט עֶס תֵּיכֶף אַוֶועקְגֶעוָוארְפְן אוּן מִיט גְרוֹיס אַיילֶענִישׁ דָאס אַוֶועק גֶעשְׁלַיידֶערְט.

זֵיי הָאבְּן גֶעבֶּעטְן דֶעם גִּיבּוֹר עֶר זָאל בְּרֶענְגֶען דִי מַאֲכָלִים צוּ זֵיי אִין לַאנְד, כְּדֵי זֵיי זָאלְן אוֹיךְ וֶוערְן אִינְגַאנְצְן פַארֶעקְלְט פוּן גֶעלְט, וַוייל זֵיי הָאבְּן גֶעוָואלְט אַז אַלֶע מֶענְטְשְׁן אִין זֵייעֶר מְדִינָה זָאלְן עֶס פַּיינְט הָאבְּן. עֶר הָאט עֶס זֵיי טַאקֶע גֶעגֶעבְּן, אוּן זֵיי הָאבְּן עֶס גֶענוּמֶען צוּ זִיךְ אִין לַאנְד. וִוי נָאר זֵיי הָאבְּן עֶס אַהִין גֶעבְּרֶענְגְט, הָאט עֶס אָנְגֶעהוֹיבְּן גֶעפֶערְלִיךְ צוּ שְׁמֶעקְן בַּיי זֵיי, בִּיז זֵיי הָאבְּן גֶעבְּרֶענְגְט דֶעם בַּעַל תְּפִילָה צוּ זֵיי אוּן עֶר הָאט זֵיי גֶעגֶעבְּן תְּפִילוֹת, תִּקוּנִים, תְּשׁוּבָה אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים.



פָארִיגֶע וָואךְ הָאבְּן מִיר גֶעהֶערְט וֶועגְן בֶּערֶעלֶע, וָואס הָאט גֶעאַרְבֶּעט אִין אַלֶע סָארְט אַרְבֶּעט וָואס עֶר הָאט נָאר גֶעקֶענְט גֶעפִינֶען, אָבֶער זַיין הוֹיפְּט אַרְבֶּעט אִיז גֶעוֶוען אִין אַ סוּכָּה-גֶעשֶׁעפְט. נָאכְדֶעם וָואס עֶר הָאט גֶעזֶען אַז אִין דִי אוֹיגְן פוּן אַנְדֶערֶע אִיז עֶר צוּ שְׁפָּאט אוּן מֶען לַאכְט פוּן אִים, אוּן קֵיינֶער קוּקְט אִים נִישְׁט אַרוֹיף פַאר דֶעם וָואס אַ כִּתָּה ז' אִינְגְל אַרְבֶּעט, הָאט עֶר אָנְגֶענוּמֶען אַ פֶּעסְטֶע בַּאשְׁלוּס אַז אַ קִינְד וָואס גֶעבְּט זִיךְ אָפּ מִיט גֶעלְט אִיז אַ בּוּשָׁה אוּן אַ חֶרְפָּה! צוּלִיב דֶעם הָאט עֶר אִיבֶּערְגֶעלָאזְט אַלֶע זַיינֶע אַרְבֶּעט, אוֹיפְגֶעהֶערְט נָאכְצוּלוֹיפְן גֶעלְט, אוּן אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט הָאט עֶר אַוֶועקְגֶעגֶעבְּן פַאר זַיין טַאטְן. מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה אִיז עֶר אַרַיין אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ לֶערְנֶען אִין דִי יְשִׁיבַת בֵּין הַזְמַנִּים.

אָבֶער אֵיין זַאךְ הָאט אִים שְׁטַארְק גֶעבַּאדֶערְט: "וָואס

המשך אויף זייט 9

חלק מהוצאת הגליון נתנדב ע"י
הר"ר שלמה קעניג הי"ו
לרגל הולדת הבן למזל טוב

חלק מהוצאת הגליון נתנדב ע"י
הר"ר מרדכי יעקב ראטנבערג הי"ו
לרגל הולדת הבן למזל טוב

חלק מהוצאת הגליון נתנדב ע"י
הר"ר יצחק בערגשטיין הי"ו
לרגל הולדת בתו למזל טוב